**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אז הונטינגטאן סטאציע איז דער $10 מיליאן לאנג איילענד געווינער פון דער זעקסטער-רונדע דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו**

***דאונטאון אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע;***
***עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקסונג סטראטעגיע***

***סטעיט צו ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק באאמטע צו ווידער אויפלעבן הונטינגטאן סטאציעס דאונטאון***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן אז הונטינגטאן סטאציע וועט באקומען $10 מיליאן אין פינאנצירונג אלץ דער לאנג איילענד געווינער פון דער זעקסטע-רונדע פון דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו. פאר דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו רונדע 6, יעדע פון די סטעיטס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג רעגיאנען וועלן ווערן צוגעטיילט $10 מיליאן, צו מאכן פאר א סך הכל סטעיט התחייבות פון $100 מיליאן אין פינאנצירונגען און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס אונטערהייבן זייערע עקאנאמיעס דורך טראנספארמירן דאונטאונס צו אויפגעלעבטע געגנטער.

"עס קומט זיך פאר דער הונטינגטאן סטאציע קאמיוניטי א זיכערער, גייעוודיגע, און צוטריטלעכע דאונטאון וואו די איינוואוינער קענען בליען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סטראטעגישע אינוועסטירונג וועט צוריק אויפבליען, און איך קען זיך קוים דערווארטן אריינצושטעקן די שופעלס אין דער ערד צו טראנספארמירן הונטינגטאן סטאציע צו אן ארט וואס 'מ'מוז זען' פאר טוריסטן און איינוואוינער גלייך."

דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) דינט אלץ א חלק פון דער סטעיטס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורך טראנספארמירן דאונטאון געגנטער צו דינאמישע צענטערס פון אקטיוויקייט וואס טוט אנבאטן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציעט צו ביזנעסעס, פאסטנס און עקאנאמישע און וואוינונג פארשידנקייט. אזוי ווי פריערדיגע DRI רונדעס, וועט יעדע אויסגעוועהלטע קאמיוניטי אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן דורך א פון-אונטן-ארויף׳דיגע קאמיוניטי-באזירטע פלאנירונג פראצעס וועלכע דרוקט אויס א בליק פאר דער ווידער-אויפלעבונג פון איר דאונטאון און אידענטיפיצירט א ליסטע פון הויפט פראיעקטן וועלכע האבן טראנספארמירנדע פאטענציעל און אויסניצן ווייטערדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט דעמאלט צוטיילן פאר DRI פינאנצירונג צו אויסגעקליבענע פראיעקטן וואס האבן די גרעסטע פאטענציאל אויפצולעבן די אויפפרישונג און צו שטאנד ברענגען די קאמיוניטיס וויזיע.

**הונטינגטאן סטאציע**
הונטינגטאן סטאציעס DRI געגנט פאקוסירט אויף די שפאצירנדיגע דאונטאון הונטינגטאן סטאציע געגנט וואס נעמט ארום גלייך לעבן דער LIRR סטאציע און איז ממשיך דרום לענג-אויס די ניו יארק

עוועניו קארידאר. מיט דעם קומענדיגן ענדע פון דעם מזרח זייט צוגאנג פראיעקט, הייבט דער געגנט אן אדורכמאכן קאמערציעלע אויפלעבונגען וואס וועט ענדליך דינען אלץ א הויפט קאמערציעלע און סאציאלע אטראקציע פאר דער קאמיוני. הונטינגטאן סטאציע זוכט צו איבער-ענערגירן איר שטאטישע גרונט און צו ציען נייע געלעגנהייטן צו בויען אויף איר דינאמישע, פארשידנקייט און שפאצירנדיגע דאונטאון. הונטינגטאן סטאציעס וויזיע איז צו טראנספארמירן דעם דאונטאון דורך אנטוויקלען הויפט פלעצער פאר געמישטע-באניץ פראיעקטן, באגראבן און/אדער איבערפירן יוטיליטיס, איבערן-קאפ דראטן לענג-אויס דעם ניו יארק עוועניו קארידאר, פארגרעסערן די ברייטבאנד, באשאפן א צענטראלע פארק אדער פובליק צוזאמענקום פלאץ, אויספירן א קליינעם ביזנעס פאסאד פראגראם, און מאכן א פאנאראמע פון גאסן און טראנספארטאציע פארבעסערונגען.

די לאנג איילענד רעגיאנעל עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסעל האט אנגעפירט א גרונטיגע און פארמעסטערישע איבערקוק פראצעס פון פארשלאגן איינגעגעבן פון קאמיוניטיס פונעם גאנצן רעגיאן און אדורגעטראכט די קריטעריע אונטן איידער זיי האבן רעקאמענדירט הונטינגטאן סטאציע אלץ דעם נאמינירטן:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרענעצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריעריגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג, אדער לעבן אזא דאונטאון וואס קען צו ציען ארבעטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן געוואוקס אויסהאלטעוודיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן כאפט זיך שוין ארום, אדער האט די מעגליכקייט צו באשאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערט וואוינעוודיגקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט אנגעפירט אן אפענע און קרעפטיגע קאמיוניטי ארויסקומענדיג מיט א וויזיע פאר א דאונטאון אויפלעבונג מיט א פאראויסדיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציעטיוון;
- Municipality has the local capacity to manage the DRI process; and
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן זיין גרייט פאר קורץ-טערמיניקע דורכפיר מיט אן אינפוזיע פון DRI פינאנצירונג.

הונטינגטאן סטאציע איז געווארן צוגעטיילט מיט 10$ מיליאן אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן די דאונטאון געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע געוואוקס נאכן לאקאלע פלאן פראצעס. הונטינגטאן סטאציע איז זיך משתתף מיט די קאמיוניטיס פון וועסבערי, היקסוויל,, צענטראל אייסליפ, באלדווין, אמיטיוויל און ריווערהעד, וואס זענען געווען לאנג איילענדס געווינערס אין די ערשטע פינף DRI רונדעס.

הונטינגטאן סטאציע וועט אנהייבן דעם פראצעס פון אנטוויקלען א סטרעטעגישע אינוועסטירונג פלאן אויפצולעבן איר דאונטאון מיט ביז 300,000$ אין פלאנירונג געלט פון די 10$ מיליאן DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע

אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר דער DRI's זעקסטע רונדע וועט פארטיג זיין אין 2023.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזשיי. ראדריגעז האט געזאגט,**"די דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו העלפט קאמיוניטיס אין אלע ווינקלען פון דער סטעיט אויספירן זייערע וויזיעס פאר דאונטאון און עקאנאמישע צוריקאויפלעבונג. הונטינגטאן סטאציע הייבט שוין אן אדורכגיין קאמערציעלע אנטוויקלונגען וואס וועט צוציען נייע באזוכערס און איינוואוינער צו דער געגנט, און פינאנצירונג צוגעשטעלט דורך דער דאונטאון אויפלעבונג איניציאטיוו וועט ווייטער פארזיכערן איר צוקונפט אלץ א פרעמיערע לאקאלע און רעגיאנאלע ציל אויף לאנג איילענד."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,**"דער DRI האט דעמאנסטרירט אז אינוועסטירונגען סטראטעגיש און לאקאלע פארמעגנס קען צופירן צו בליענדיגע און עקאנאמישע קרעפטיגע דאונטאון געגנטער איבער ניו יארק סטעיט. מיט דער $10 מיליאן גרענט, וועט הונטינגטאן סטאציע ווערן צוריקאויפגעלעבט דורך פראיעקן געצילט אויף צו שאפן א מער פארבינדן מיט אנאנד, און פיסגייער-פריינטלעכע געגנד צענטער וואס דינט אלץ א קניפפונקט פון געלעגנהייטן פאר איינוואוינער, באזוכער, און ביזנעסעס."

**לאנג איילענד רעגיאנאלע אנטוויקלונג קאונסעל מיט-פארזיצערין לינדע ארמין, הויפט סטראטעגישער און מארקעטינג אפיציר אין בעטפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש דר. דשזאן נעידער האבן געזאגט,**"בליענדיגע סיטי צענטערס זענען דאס שליסל צו שאפן עקאנאמישע געלעגנהייטן. די DRI צוטיילונג אנערקענט די וויכטיגקייט פון א שפאצירנדיגע, טראנסיט-אריענטירטע דיסטריקטס, ספעציעל דא אין לאנג איילענד, און ווייזט ארויס ניו יארק סטעיטס איבערגעגעבנקייט צו איבערארבעטן דאונטאונס וואס ציעט צו מענטשן צו וואוינען, באזוכן און טון ביזנעס דא."

**ניו יארק סטעיט הייזער און קאמיוניטי באנייאונג קאמישינערין רות-אן וויסנאוזקאס האט געזאגט,**"די דאונטאון אויפלעבערס איניציאטיווס $10 מיליאן צוטיילונג צו דער הונטינגטאן סטאציע געגנט וועט אריינבלאזן נייע לעבן צו א וואקסנדיגע, שפאצירנדיגע, און טראנזיט-אריענטירטע קאמיוניטי. דורך ארבעטן מיט לאקאלע פירער צו בויען אויף שוין געמאכטע פראגרעס ביי דער מזרח זייט צוגאנג פראיעקט, די סטעיט טוט נאר ווייטער איבער-ענערגירן הונטינגטאנס שטאטישע גרונט און צוציען נייע עקאנאמישע און הייזער געלעגנהייטן צו דער דינאמישער קאמיוניטי. דאס איז פארט נאך א ביישפיל פון גאווערנער האקולס איבערגעגעבנקייט צו פארברייטערן פראדוצירן הייזער לעבן ניו יארקס טראנזיט קניפפונקטן."

**אסעמבלימאן סטיוו שטערן האט געזאגט**, "אלץ דער אסעמבלימאן וואס רעפרעזענטירט די הונטינגטאן סטאציע קאמיוניטי, בין איך געווען א שטארקער אדוואקאט פאר דעם לאנג-פארשפעטיגטן אויפלעבונג פון אונדער דאונטאון געגנטער. דער קריטישער $10 מיליאן דאונטאון אויפלעבונג גרענט וועט העלפן טראנספארמירן אונדזער קאמיוניטי צו א דינאמישע צענטער פון קאמערס, מיט א פובליק פלאזא, נייע פאסאדן, קליינע פארקלעך, פארבעסערטע פיסגייער פארזיכערונג און דאס וויכטיגסטע, געלעגנהייטן, פארבעסערטע קוואליטעט פון לעבן און פארגרעסערטע פובליק פארזיכערונג. איך דאנק גאווערנער האקול און דער לאנג איילענד רעגיאנאלע אנטוויקלונג קאונסעל פאר דער לעבנס-וויכטיגע פינאנצירונג און זייער אנגייענדיגע שטיצע פאר אונדזער הונטינגטאן סטאציע קאמיוניטי."

**הונטינגטאן שטעטל אויפזעער עד סמיט האט געזאגט,** "דאס שטעטל פון הונטינגטאן איז אזוי אומגלייבלעך מלא-שמחה צו באקומען די DRI צוטיילונג פאר הונטינגטאן סטאציע. די $10,000,000 וועט העלפן דאס שטעטלס באמיאונגען צו באנייען די כוחות פון דער קאמיוניטי דורך איפראסטרוקטור פראיעקטן, אנטוויקלען און פארבעסערן דעם ביזנעס דיסטריקט און דערמוטיגן נייע אינדוסטריע. אלע בימיאונגען צו דערמוטיגן געוואוקס און פאסטנס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול, די עמפייער סטעיט אנטוויקליונג ביורא און די דעפארטמענט אוו סטעיט פאר אנערקענען די ריזיקע פאטענציאל אין הונטינגטאן סטאציע מיט דעם וואונדערלעכן צוטיילונג. איך וויל אויך דאנקען אנטוני אלאסיו, דער שטעטלס דירעקטאר פון פלאנירונג, פאר זיין פאראויסזעעוודיגקייט און ארבעט אויף דער פראיעקט. מיר קוקן ארויס צו לאזן אונדזערע פלענער אין גאנג פאר דער פארבעסערונג פון אונדער גאנצער קהילה. מיר ווילן נאכאמאל אפגעבן א דאנק פאר גאווערנער האקול און די EDC פאר דער דעמאנסטראציע פון אייער צוטרוי אין לאקאלע רעגירונג. מיר וועלן אייך נישט אנטוישן אדער אונדזערע שטייער-צאלערס"

**דער דאונטאון ווידער־אויפלעבונגס איניציאטיוו**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו עררייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דער פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן $600 מיליאן צו אינוועסטירן אין 59 דאונטאונס וואס זענען רייף פאר ווידער־אויפבליאונג, און פארמאגן די פאטענציאל צו ווערן מאגנעטן צוציען ווידער־אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאבס, עקאנאמישע און וואוינונגס פארשידן־מיניגקייט, און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסערט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע וועגן דער DRI איז צום באקומען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418